## יג.

אז איך האב ערוואכט, האב איך בעמערקט, אז דאס סטעאַרין־ליכט אויפ׳ן טיש איז כמעט נישט קלענער געווארען. איך בין געשלאפען, וואהרשיינליך, נישט מעהר ווי פופצעהן מינוט. אבער איך בין געווען פריש, מונטער און רוהיג. דער אויסגעשריי: „אוי, מיין זוהן!“ האט מיר ביז היינטיגען טאג נישט פערלאזען, אבער פון דאן אז איז ער געווארען ווייכער, מיטערליכער. מיין מאמע׳ס נשמה האט געפונען א תקון.

אונזער קאנספיראטיווע קווארטיר איז געווען איינגעאורדענט בעקוועם, כמעט עלעגאנט, אום אויסצומיידען יעדען חשד. איך בין אריין אין טואלעט־צימער און האב זיך גוט אבגעוואשען דעם קאפ און די הענד. דער שפיגעל האט מיר געוויזען, אז איך בין גרוי. איך האב ענדליך דערזעהען אט דעם צלם, וועלכען איך האב די גאנצע צייט בלויז געפיהלט. די וואונד האט מעהר נישט וועה געטהון, זי האט בלויז א ביסעל געביסען.

תחלת האב איך געוואלט נעהמען א מעסער, אבשניידען א פאס פון שטערן און — אבמעקען דעם צלם. דערנאך האב איך זיך בעקלערט — זאל ער בלייבען. „לטוטפות בין עיניך“... הא! אזעלכע „טוטפות“ האט עס אונזער אלטער, ליעבער גאט געמיינט!

## יד.

איך בין קיינעם גארנישט שולדיג געווען און האב קיין זאך נישט געוואלט צאהלען.

שוין דיזעלבע נאכט האב איך פערלאזען אונזער שטאדט. אין צוויי טאג ארום בין איך אריבער די דייטשע גרעניץ און האב זיך אוועקגעלאזען קיין אמעריקא.

דער ים האט מיך אויפגענומען מיט ענדלאזער ברייטקייט, מיט רויהע ווינטען, מיט שארפען, געזאלצענעם אטהעם. און גערעדט האט ער צו מיר פון וואונדערבארע זאכען, גערעדט־גערעדט און געשוויגען־גערעדט. מיט פרייד און שטוינען האב איך איהם צוגעהערט, און נישט אין ווערטער וועל איך איבערגעבען, וואס ער האט מיר דערצעהלט.

כמעט באלד נאך מיין קומען קיין אמעריקא האב איך זיך אוועקגעלאזען וואנדערען איבער׳ן לאנד. און די פרעהריע האט גענומען מיר פערטייטשען אויף איהר לשון, וואס דער ים האט געמיינט מיט זיינע רעד. א, די פרעהריע! איהרע נעכט, איהרע טעג! ...

שוין באלד דריי יאהר זינט איך וואנדער ארום. און איך, ניי־געבוירען קינד, שפיר, אז איך בין שוין גענוג קרעפטיג. אין גיכען וועל איך געהן צוריק צו׳ם ישוב.

און דעמאלט — — —

---

איך האב א קוק געטהון אין זיין זייט, אבער ער האט מעהר גארנישט געזאגט. אז מיר האט ער, קענטיג, פערגעסען.

און איך, א מענש וואס איז שוין יאהרען לאנג געווען דער־אויסען פון אלעם, האב געטראכט:

עס וועט אויפשטעהן א דור פון אייזערנע מענשען. און זיי וועלען אויפבויען דאס, וואס מיר האבען דערלאזען חרוב צו ווערען.

## 13

When I awoke I noticed that the tallow candle on the table had not grown much shorter. I probably hadn't slept for more than fifteen minutes, but I was fresh, alert and calm.

That moan, "Oh, my son!" still haunts me today, but from that day on it became softer, more maternal. My mother's soul had found its rest.

Our secret meeting place was furnished comfortably, almost elegantly, to avert any suspicion. I went into the bathroom and washed my head and my hands. The mirror showed me that I was gray. And at last I saw the cross that I had felt all that time. The wound no longer hurt; it merely itched slightly.

At first I wanted to take a knife and cut a swath off my forehead, in order to erase the cross. Then I changed my mind. Let it stay: "A frontlet between thine eyes." Ha! Is this the kind of "frontlet" that our dear, old God meant?

## 14

I now owed nothing to anyone, nor did I want to pay anything. I left our city that same night. Two days later I crossed the German border and set sail for America.

The ocean embraced me with its endless vastness, with strong winds, with its sharp, salty breath. It talked to me about wonderful things. It spoke out loud, it spoke silently. I listened to it with joy and amazement, and I have no words to express what it told me.

Soon after I arrived in America I began to wander across the country, and the prairies began to translate into its language what the ocean had said to me. Oh, the nights and days on the prairie!

I've been wandering for three years. And I feel like a newborn child, feel that I'm strong enough now. Soon I'll return to civilization. And then . . .

I gave him a sidelong glance, but he had stopped speaking. He had clearly forgotten me.

And I, an outsider for years, mused: "A generation of iron men will come, and they will rebuild what we have allowed to be destroyed."

1909

Translated Joachim Neugroschel in David G. Roskies, ed. The Literature of Destruction (1989)